ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל תשיעי — שער שלישי

# לקוטי שיחות

על פרשיות השבוע, חגים ומועדים

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

## ויצא

**(חלק כה שיחה ב)**

יוצא לאור על ידי מערכת
„אוצר החסידים״
770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה

מחזור הראשון של לימוד הלקוטי שיחות
שבוע פרשת ויצא, ג־ט כסלו, ה׳תשפ״ו (ב)

# ויצא ב

א. בסוף פרשתנו[1] אויפן פסוק „ויפגעו בו מלאכי אלקים" זאָגן רז"ל[2] און רש"י ברענגט דאָס בפירושו על התורה[3] (אַז דאָס זיינען געווען) „מלאכים של ארץ ישראל באו לקראתו ללותו לארץ". פון פשטות הלשון איז מובן, אַז דער אָרט וואו די מלאכי א"י „באו לקראתו" איז געווען בחו"ל[4], נאָך איידער ער איז אָנגעקומען אין א"י.

דאַרף מען פאַרשטיין: אין תחלת הפרשה, אויפן פסוק[5] „עולים ויורדים בו", שטייט אין מדרש[6] „מלאכים שהם מלוין את האדם בארץ ישראל אין מלוין אותו בחוצה לארץ", און ווי רש"י זאָגט דאָס[5] נאָך מער מפורש: „מלאכים שליווהו בארץ אין יוצאים חוצה לארץ ועלו ברקיע וירדו מלאכי חו"ל ללותו"[7] — איז ווי קומט עס אַז דאָ, ביים צוריק־גייען פון חרן קיין א"י, זיינען די מלאכים של א"י יע אַרויס קיין חו"ל?

דער גור ארי'[8] איז מסביר, אַז וויבאַלד ער איז געגאַנגען קיין ארץ ישראל, זיינען די מלאכי א"י אַרויסגעגאַנגען „לקראתו לשמור אותו" — עס זאָל ניט זיין קיין מניעה אויף זיין אָנקומען אין ארץ ישראל[9] — וואָס די שמירה איז „מוטל על מלאכי א"י" (משא"כ די

---

1) לב, ב.

2) ראה תנחומא (ותנחומא באבער) וישלח ג. תנחומא באבער וישב ב. וראה גם מדרש לקח טוב עה"פ.

3) עה"פ.

4) ראה רמב"ן כאן „שהרי עדיין לא הגיע יעקב לארץ ורחוק הי' משם כו'". ברא"ם כאן דוחה פי' הרמב"ן וס"ל שהי' בא"י, אבל מהשקו"ט במפרשי רש"י (גו"א ועוד) מוכח שדעתם שזה הי' בחו"ל. וכן משמע בפרש"י ד"ה מחנים (ועד"ז בתנחומא שם) „שתי מחנות של חוצה לארץ שבאו עמו עד כאן* ושל ארץ ישראל שבאו לקראתו". ולא כבמדרש לקח טוב כאן „מחנה המלאכים שבאו עמו מחוץ לארץ ומחנה המלאכים שפגעו בו בכניסתו לארץ ישראל"**. וראה ס' זכרון על פרש"י „ופגעו בו וחזרו עמו". וצ"ע ביריעות שלמה (להמהרש"ל) סוף פרשתנו „כי מיד שעקר יעקב ממקומו לילך לביתו לא"י אז הלכו עמו מלאכים של א"י ופסקו ממנו מלאכי חו"ל". וראה המשך פירוש הגו"א (שהובא לקמן בפנים).

ולהעיר שברמב"ן כאן מעתיק לשון רש"י שבד"ה ויפגעו „מלאכי ארץ ישראל יצאו לקראתו" ובלי התיבות „ללותו לארץ". ועד"ז בד"ה מחנים „יצאו לקראתו". וכ"ה בדפוס שני דפרש"י — בב' הד"ה דפרש"י. אבל בדפוסים הנפוצים, וכן בדפוס ראשון וכו"כ כת"י רש"י (שתח"י) הוא כבפנים. אלא שבכמה כת"י בד"ה ויפגעו „באו ללותו בארץ" (בלי תיבת „לקראתו"). ובא' מכת"י רש"י שתח"י: באו לקראתו לחוצה לארץ. וראה לקמן הערה 9.

5) כח, יב.

6) ב"ר פס"ח, יב. בב"ר לפנינו איתא רק סיום הענין „עולים אותם שליוו אותו בארץ ישראל יורדים אלו שליוו אותו בחוצה לארץ". והגרסא שבפנים היא בב"ר (פס"ח, יח) הנדפס עם פי' יפה תואר (השלם). ובב"ר הוצאת תיאודור־אלבק. יל"ש כאן עה"פ.

7) ובתנחומא באבער וישב שם: שאין המלאכים המשמשין בארץ ישראל משמשין בחוצה לארץ ולא של חוצה לארץ בארץ ישראל.

8) שם לב, ב. וראה גם מ"ש בר"פ וישלח.

9) להעיר מהגירסא בא' מכת"י רש"י (שתח"י) בסוף ד"ה מחנים „ושל ארץ ישראל שבאו לקראתו כדי ללותו לארץ ישראל שילך בשלום".

---

*) מלשון רש"י „עד כאן" אין הכרח לפרש שאז פסקו ממנו, אלא מבאר טעם קריאת שם המקום „מחנים" — המקום שב' מחנות המלאכים נפגשו עמו. ובתנחומא וישלח שם „כיון שחזר מן לבן היו אותן מלאכים שנמסרו לו מלוין אותו **עד ארץ ישראל**".

**) ובתנחומא באבער וישב שם: וכשבא לחזור קרא הקב"ה לאותן המלאכים שהיו משמשין אותו בארץ, אמר להם הרי יעקב חוזר, צאו ונצא לאנפטי שלו (פי' תחום).

שמירה פון די מלאכי חו״ל — וועלכע האָבן אים באַגלייט ביז א״י — איז נאָר געווען „שלא יגיע לו נזק אחר״).

דער תירוץ איז אָבער לכאורה ניט גלאַטיק: וויבאַלד דאָס רעדט זיך וועגן דעם זעלבן דרך, די הליכה בחו״ל אויפן וועג גייענדיק קיין א״י[10] — פאַרוואָס דאַרף מען האָבן צוויי עניני שמירה? די מלאכי חו״ל וואָס היטן אים בדרך, היטן דאָך אים בדרך ממילא פון יעדער מניעה ביז א״י,

פון דעם איז מסתבר לומר, אַז די מלאכי ארץ ישראל „באו לקראתו״ נאָר „ללותו״ — ניט צוליב עניני שמירה, נאָר אַ לוי׳ לשם כבוד[11] בלבד.

איז צריך ביאור: ווי קומט עס אַז צוליב כבוד יעקב (ניט צוליב הכרח שמירתו) זאָל מען אַרויסשיקן מלאכי א״י קיין חו״ל, היפך דעם כלל אַז „אין יוצאים **חוצה לארץ**״[12]?

און וויבאַלד אַז די שאלה איז מצד לשון רש״י עצמו, און מען געפינט ניט אַז רש״י זאָל דאָס מבאר זיין, מוז מען זאָגן, אַז פון פשטות לשונו של רש״י גופא איז מובן ומבואר דער ענין, ביז — אַז דאָס איז מלכתחילה קיין שאלה ניט וועלכע מ׳דאַרף פאַרענטפערן.

ב. וי״ל דעם ביאור בזה בפשטות:

בתחלת הפרשה רעדט זיך ווי יעקב איז אַרויס פון א״י קיין חו״ל, איז מובן פאַרוואָס די מלאכי א״י האָבן אים ניט געקענט מלוה זיין ווייטער, היות אַז מלאכי א״י „אין יוצאים **חוצה לארץ**״; משא״כ בסוף הפרשה, וואו עס רעדט זיך להיפך, ווי יעקב האָט זיך אומגעקערט קיין **ארץ ישראל**, האָבן זיי געקענט (ואולי — געמוזט) קומען קיין חו״ל, ווייל דאָס איז בכדי „ללותו לארץ״[13]. וי״ל אַז עס איז איבערהויפּט ניט אין גדר פון יציאה **לחוץ לארץ**.

ויומתק — אויב מ׳וועט לערנען אַז דאָס וואָס מלאכי א״י „אין יוצאים חוצה לארץ״ איז ע״ד ההלכה[14] (און אירע גדרים) אינעם איסור לצאת מארץ ישראל לחו״ל[15]: דער רמב״ם פסק׳נט[16]

10) ראה ס׳ זכרון שהובא לעיל הערה 4.

11) ראה דברי דוד (להט״ז) ריש פרשתנו (כח, יג). אמנם הוא פי׳ זה (גם) בהמלאכים ש„עולים ויורדים״ (כח, יב) ש„לא הי׳ בשביל שמירה שהקב״ה שומרו כו׳ אלא הלווי׳ בשביל כבוד״. אבל בגו״א, משכיל לדוד ועוד שם — שמה שה׳ נצב עליו לשמרו הי׳ כי המלאכים של א״י עלו לרקיע ועל אותה שעה לפני שירדו מלאכי חו״ל, נאמר והנה ה׳ נצב עליו לשמרו.

12) במשכיל לדוד לפרש״י שם (כח, יב) מבאר למה לא ירדו תחלה מלאכי חו״ל ואח״כ יעלו מלאכי א״י „דכיון דמלאכי ח״ל גריעי ממלאכי א״י אין להם רשות להראות ממשלה לפניהם ברשותם ואם היו יורדין הי׳ נראה הוראת ממשלה שבאין ללות ולשמור ולכך עלו תחלה של א״י״, משא״כ בסוף הפרשה „שהיו נמצאים שם הב׳ מחנות יחד . . מלאכי א״י דעדיפי יכולים להראות גדולה לפני אותם דח״ל״ (וראה עד״ז תי׳ הא׳ בנחלת יעקב לפרש״י סוף פרשתנו)*.

אבל אין לתרץ כן הקושיא שבפנים, כי מלשון רש״י „אין יוצאים חוצה לארץ״ (ובפרט ששינה מלשון המדרש כנ״ל) מוכח שהוא לא רק לפי שאינו מתאים שיהיו במקום וביחד עם מלאכי חו״ל בשעה שמלאכי חו״ל מראים ממשלה, כ״א מצד עצם היציאה לחו״ל. וראה יפ״ת לב״ר שם „אין להם רשות לצאת לחו״ל״.

13) ועי״ד מ״ש הגו״א שם „הדין נותן שיהיו לו שומרים מלאכי א״י״ מכיון „שצורך א״י הוא״.

14) ראה תוספתא ע״ז פ״ה, ב. ב״ב צא, א.

15) שהרי איסור היציאה מהארץ הוא לא רק לפי שמפקיע עצמו מן המצות (רשב״ם ב״ב שם ד״ה אין יוצאין) כ״א גם משום קדושת הארץ (ראה שו״ת מהרי״ט יו״ד ח״ב סכ״ח). וראה פרש״י לך יז, ח. וראה בהנ״ל — לקו״ש חט״ו ע׳ 203 הערה 25.

16) הל׳ מלכים פ״ה ה״ט.

*) ובירעות שלמה שם „אין כח למלאך אלא בארצו״.

**אַז „אסור לצאת מארץ ישראל לחוצה לארץ** לעולם אלא **ללמוד תורה או לישא אשה או להציל מן העכו״ם ויחזור לארץ״ — וואָס לכאורה קען מען פרעגן: מ׳געפינט אין גמרא[17] אַ „מעשה רב״ אַז מ׳איז אַרויס פון א״י אין חו״ל לקראת אמו, און ווי דער מאירי[18] זאָגט מפורש אַז „מותר לצאת מארץ ישראל לחוצה לארץ לקראת אביו או לקראת אמו וכן לשאר מיני כבוד״.**

**ויש לומר[19] החילוק ביניהם: דער אַרויסגיין פון א״י „ללמוד תורה או לישא אשה או להציל מן העכו״ם״ איז יציאה מן הארץ, נאָר דאָס איז אַ יציאה של היתר;**

**משא״כ ווען מ׳גייט אַרויס לקראת אביו או לקראת אמו לשם כבוד אביו ואמו, זיי צו באַגעגענען קומענדיק קיין ארץ ישראל, איז בכלל אויף דעם ניט חל דער גדר פון יציאה מהארץ.**

**און די הסברה בפשטות: ביי די אַנדע־רע ענינים (ללמוד תורה וכו׳) איז תכלית היציאה צו טאָן מצוות ופעולות** אין חו״ל **(און עפ״י רוב איז עס ניט אויף אַ באַשטימטן (מוגבל׳דיקן) זמן[20]), משא״כ די יציאה לחו״ל „לקראת אביו ואמו״ וועלכע קומען** קיין א״י, **איז ניט צוליב חו״ל, נאָר** צוליב **(און פאַרבונדן)** א״י **(העלי׳ לא״י) ובמילא איז עס מלכתחילה ניט בגדר יציאה, כנ״ל.**

**ועד״ז בנדו״ד: וויבאַלד אַז דאָס וואָס מלאכי א״י זיינען ביציאתם פון א״י געווען אויסן „**ללותו לארץ**״, איז אויף דעם מלכתחילה ניט חל דער גדר יציאה מהארץ לחוצה לארץ, ובמילא דאַרף מען ניט קיין טעם אויף דעם היתר היציאה.**

**ג. לכאורה קען מען אויף דעם פרעגן:**

**מ׳האָט אַמאָל גערעדט[21] באַרוכה, אַז לשיטת רש״י איז בזמן האבות ניט** שייך **געווען דער איסור יציאה פון א״י לחו״ל[22] און דערפאַר געפינט מען ניט אַז די אבות זאָלן זיין נזהר אין דעם, ווייל לדעת רש״י איז א״י דעמאָלט נאָך ניט געווען אויסגעטיילט בקדושתה פון שאר הארצות[23] ביז אַז לדעת רש״י איז**

17) **קידושין לא, ב. וראה גם ירושלמי ברכות פ״ג ה״א. שביעית פ״ו ה״א. נזיר פ״ז ה״א*. חדא״ג מהרש״א קידושין שם ד״ה נתרצית. וראה אנציקלופדי׳ תלמודית ערך א״י ע׳ רכד. וש״נ.**

18) **קידושין שם.**

19) **כדי שלא לאפושי במחלוקת אשר הרמב״ם לא ס״ל כהמאירי, אף שלדעת השאילתות (שאילתא קג) אף לשאר מצות מותר — ראה תוס׳ ע״ז יג, א; בכורות כט, א ד״ה היכי אזיל.**

*) אבל בחי׳ מהרי״ט קידושין שם, וכן בפירוש הר״ש סיריליאו בירושלמי ברכות ושביעית שם (ועד״ז בפי׳ שדה יהושע ברכות שם. שירי קרבן לירושלמי נזיר שם. וראה גם פי׳ מבעל ספר חרדים לירושלמי ברכות שם) השאלה הי׳ כיון דכהן הי׳ מספקא לו אי כבוד או״א דחי איסור דטומאה לכהן. וכן מפורש באשכול (ח״ב הלכות טומאת כהנים סוסנ״ב): ובירושלמי שאל לר׳ יוחנן מהו לצאת לחו״ל לטמא בארץ העמים כו׳ פי׳ שהתיר לו טומאה דרבנן לכבוד אמו. וראה גם טוב ירושלים והערות רפפורט לירושלמי ברכות שם (נדפסו בירושלמי הוצאת רא״ם וצילום ממנה). וראה בפי׳ שדה יהושע בפי׳ דברי הבבלי. ואכ״מ.

20) **שלכן צ״ל בזה התנאי דע״מ לחזור לארץ כברמב״ם שם ותוס׳ ע״ז שם (ראה כס״מ לרמב״ם שם). ולהעיר מפרש״י ותוס׳ ר״י הזקן קידושין שם ד״ה נתרצית.**

21) **ראה לקו״ש חט״ו ע׳ 201 ואילך. וש״נ.**

22) **אבל ראה המקנה קידושין שם ד״ה אינו יודע.**

23) **ראה גם מלאכת הקודש (על פרש״י) פרשתנו כח, יב.**

דאַן אויך ניט געווען קיין שינוי אין בעלות הארץ.

[און דאָס וואָס רש״י[24] איז מבאר דעם אויבערשטנ׳ס אָנזאָג צו יצחק׳ן „אל תרד מצרימה״ אַז דאָס איז ווייל „אתה עולה תמימה ואין חוצה לארץ כדאי לך״[25] — איז עס ניט דערפאַר וואָס ס׳איז געווען אַ שינוי און אַ קדושה אין חפצא פון דעם ארץ, נאָר ווייל[26] אברהם האָט אויפגעטאָן אַז אין א״י איז דער אויבערשטער „אלקי השמים ואלוקי הארץ״ — „שהרגלתיו בפי הבריות״[27], משא״כ בחו״ל וואו דער אויבערשטער איז דאַן געווען בלויז „אלקי השמים״, אָבער אַלס „אלקי הארץ״ האָט מען נאָך ניט קיין הכרה אין דעם אויבערשטן, ווי גערעדט בארוכה במקום אחר[28]].

עפ״ז דאַרף מען פאַרשטיין מאי טעמא, וואָס בנוגע מלאכים איז א״י שוין אויך דאַן געווען אויסגעטיילט באופן, אַז אין יוצאין חוצה לארץ [וואָרום דער ענין וטעם הנ״ל בנוגע יצחק׳ן איז לכאורה ניט מתאים ביי די מלאכים].

וי״ל דעם ביאור בזה בפשטות: דאָס וואָס בזמן האבות האָט א״י נאָך ניט געהאַט אין זיך די קדושה מיוחדת (ועד״ז די בעלות, כנ״ל בדעת רש״י) איז די כוונה אין דעם — אַז דער גוף הארץ איז נאָך דעמאָלט ניט נתקדש געוואָרן, ס׳איז נאָך ניט געווען די קביעות הקדושה אין דעם חפצא פון ארץ[29], און דערפאַר איז ביי די אבות זייענדיק אין א״י למטה ניט געווען דער איסור היציאה לחו״ל.

אָבער בתוכנה ועניינה איז א״י אַלע־מאָל געווען די „נחלת ה׳ מיוחדת לש־מו״[30], אַן ארץ וואָס „חפצי הבורא היו בה שהרי סולם (דחלום יעקב) שראשו מגיע השמימה הי׳ קבוע בה״[31], און פונקט ווי „ביהמ״ק של מעלה מכוון כנגד בית המקדש של מטה״[32], וואָס דאָס איז דאָך תמיד, עד״ז ומעין זה איז עס בשייכות צו גאַנץ א״י — ס׳איז נאָר וואָס פריער איז עס ניט געווען בגילוי ובקביעות אין א״י למטה.

ועפ״ז איז מובן, אַז כאָטש אַז באַ די אבות (למטה) איז נאָך ניט געווען דער איסור יציאה פון א״י לחו״ל, איז עס אָבער יע געווען אַן אָפּהאַלט ביי מלאכים, ווייל באַ מלאכים (למעלה) איז דאָ דער חילוק צווישן א״י און חו״ל — כנ״ל[33].

ד. דער ביאור אין דעם וואָס „מלאכים של א״י באו לקראתו ללותו לארץ״ בפנימיות הענינים:

דער ענין פון „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה״[34] איז מרמז אויף׳ן גלות פון עם ישראל, און ווי עס שטייט אין מדרש[35] גלייך באַ די פסוקים בריש פרשתנו „פתר קריי׳ בגלות״, און ווי

24) תולדות כו, ב.
25) אבל זהו כלא במדרש (פס״ד, ג) „אף את אם יצאת לחוץ לארץ נפסלת״.
26) ראה ג״כ לקמן הערה 33.
27) כפרש״י בפ׳ ח״ש כד, ז.
28) לקו״ש שם ע׳ 159 ואילך. ע״ש.
29) כמבואר בלקו״ש שם ע׳ 205 ואילך — בארוכה.
30) לשון הרמב״ן בפי׳ עה״ת אחרי יח, כה.
31) יראים השלם סי׳ תיג.
32) פרש״י פרשתנו כח, יז ד״ה וזה שער השמים.
33) וי״ל כן גם בנוגע ליצחק שכיון שהי׳ עולה (ונתעלה כליל) להוי׳ (למעלה) — אין חו״ל (למעלה ובדרך ממילא — למטה) ראוי׳ לו.
34) פרשתנו כח, יו״ד.
35) ב״ר פס״ח, יג (ובב״ר עם פי׳ יפ״ת השלם — יט). וראה גם זהר פרשתנו קמט, ב.

דער מדרש טייטשט אָפּ בפרטיות די אַלע פסוקים בתחלת הסדרה, ובמ״א במדרש[36] „הראה לו הקב״ה ארבע מלכיות מושלן ואובדן[37] כו׳״, און ווי דער רמב״ם[38] זאָגט אין זיין ספר ההלכה: „הסולם שראה יעקב אבינו ומלאכים עולים ויורדים בו והוא הי׳ משל למלכיות ושעבודן״.

און דאָס איז ניט אַ „זייטיקע״ זאַך, נאָר — „סימן[39] לבנים״, דער ענין הגלות באַ בנ״י, נעמט זיך פון „מעשה אבות״, פון יציאת יעקב לחו״ל לגלות באַ לבן׳ען[40].

וכשם ווי ס׳איז געווען ביי יעקב אבינו, אַז יציאתו פון א״י און ביאתו לחרן איז געווען ניט נאָר מצד ההכרח — דערפאַר וואָס ער האָט ניט געקענט זיין אין א״י מוזנדיק אַנטלויפן פון עשו׳ן — נאָר צוליב[41] וקח לך משם אשה גו׳ והיית לקהל עמים, הליכתו לחרן און עבודתו בבית לבן איז געווען כדי דורכ־צופירן די עבודת הבירורים שלו אין חו״ל, ביז אַז דוקא בבית לבן האָט ער אויפגעשטעלט דעם יסוד פון עם ישראל — רובם ככולם של השבטים זיינען דאָרט געבאָרן געוואָרן[42];

עד״ז איז בנוגע דעם גלות פון עם ישראל: די יציאה פון אידן פון א״י איז „מפני חטאינו גלינו מארצנו״, אָבער די כוונה אין גלות איז אַז מ׳זאָל דורכפירן די עבודת הבירורים בכל מקום שבעולם — וכמחז״ל ברור[43]: לא הגלה הקב״ה את ישראל לבין האומות אלא כדי שיתוספו עליהם גרים. ובל׳ רבותינו נשיאינו — הוראה הידועה[44] „מאַך דאָ ארץ ישראל״ — אויפטאָן אַז חו״ל זאָל ווערן אין דער בחינה פון א״י, אַן ארץ פון רצתה לעשות רצון קונה[45] באופן פון (ישראל) שרית עם אלקים ועם אנשים ותוכל[46], וואָס דאָס קומט דורך עבודת כל אחד ואחת מישראל לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים[47], ביז אַז במשך זמן הגלות ווערט אויפגעשטעלט די שלימות פון עם ישראל,

און דאָס זיינען די צוויי סוגי „מלאכים״:

די מלאכי א״י וואָס „ליווהו בארץ״ קודם אַרויסגיין אין חו״ל, אין גלות, איז ענינם — נתינת כח מלמעלה אויף דער עבודה בזמן הגלות; און דער ענין פון „מלאכים של ארץ ישראל״ וואָס „באו לקראתו ללותו לארץ״, איז די תוצאה

---

36) רמב״ן ריש פרשתנו מפדר״א (פל״ה — ונשמט בפדר״א שעם פי׳ הרד״ל! ומצוה להשלים). וממשיך שם בפרטיות „והראהו שר של מלכות בבל עולה כו׳ ויורד כו׳ מלכות מדי כו׳״. ועד״ז בתנחומא פרשתנו ב. מדרש תהלים פע״ח, לב. פסיקתא דר״כ פכ״ג. שמו״ר פל״ב, ז. ויק״ר פכ״ט, ב. ועוד.

37) כ״ה בפדר״א דפוס וויניציא ד״ש, מעזרואוב תקנ״ג. ובדפוס ווארשא תרל״ט, ירושלים תשל״ב (בשינויי נוסחאות מ„קט״ן״ (כפה״נ הכוונה לדפוס קונשטנטינא רע״ד)) „מושלין ואובדין״.

38) הל׳ יסוה״ת פ״ז ה״ג.

39) די״ל ע״ד סימן הפועל ועושה — לא רק המברר (ראה צפע״נ על הרמב״ם ריש הל׳ מאכלות אסורות. לקו״ש ח״א ע׳ 222 ואילך. ח״ה ע׳ 61).

40) וראה יפה תואר השלם לב״ר שם. ועוד.

41) תולדות כח, ב־ג. ולהעיר אשר יצחק לא ידע מסכנת עשו — ואך זה הי׳ טעם ציווי שלו על יציאת יעקב, וכדברי רבקה ליצחק (שם כז, מו).

42) רק בנימין, צדיק תחתון (זהר פרשתנו קנג, ב) נולד בא״י.

43) פסחים פז, ב. וראה תו״א (ו, א. יא, א־ב. קיז, ב) ובביאוה״ז (ויגש קלו, א ואילך) בפי׳ מרז״ל זה. ובביאוה״ז להצ״צ (ח״ב ע׳ תשכו. תשל) מבאר מחז״ל זה גרים כפשוטו (ולא — ניצוצי קדושה בכלל). וכ״ה בתו״א כ, ג.

44) מענה הצ״צ — אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ כרך א ע׳ תפה (וראה שם בהמשך הענין — ע׳ תפו, תפט). לקו״ש ח״ב ע׳ 621.

45) ב״ר פ״ה, ח.

46) וישלח לב, כט.

47) ראה תנחומא נשא טז. ועוד. תניא רפל״ו.

פון דעם וואָס מ'האָט פון חו"ל געמאַכט א"י: בגמר העבודה פון יעקב'ן בחו"ל, וויבאַלד אַז ער האָט דאָרטן "געמאַכט ארץ ישראל" ע"י עבודתו, דערפאַר קו־מען דאָרט די מלאכים של ארץ ישראל — המשכת קדושת א"י בחו"ל[48].

ה. ע"פ הנ"ל — אַז דאָס וואָס "מלאכים של א"י באו לקראתו ללותו לארץ" איז פאַרבונדן מיט סיום וגמר עבודת יעקב בחו"ל — וועט מען אויך פאַרשטיין דעם טעם (בפנימיות הענינים) פאַרוואָס די מלאכים זיינען געווען בלויז ללותו (ניט צוליב שמירה וכו') וואָס איז בלויז אַן ענין של כבוד —

ובהקדים אַז דאָס איז מרומז אין פסוק בלשון "ויפגעו בו מלאכי אלקים" — ע"ד ווי דער לשון (בתחלת הסדרה) "ויפגע במקום"[49] (און ווי דער זהר[50] פאַרבינדט די צוויי פסוקים), וואָס פון דעם לשון "ויפגע במקום" לערנען חז"ל[51] אָפּ, אַז יעקב האָט דאָרט מתפלל געווען "ולמד־נו שתקן תפלת ערבית"[52]. ועפ"ז יש לומר, אַז די שייכות צווישן דעם לשון "ויפגעו בו מלאכי אלקים" צו שילוח מלאכים לשם לווי' וכבוד, איז ע"ד די שייכות צווישן דעם לשון "ויפגע" מיט תפלת ערבית דוקא, כדלקמן.

אויך: "ויפגע" באַדייט אַז דער באַגע־גענען זיך איז כאילו שלא בכוונה[53]. ס'איז אָבער דאָ אַ חילוק אין דעם "ויפגע" צווישן די צוויי פסוקים הנ"ל: "ויפגע במקום" מיינט אַז דאָס איז גע־ווען כאילו שלא במתכוון מצד יעקב'ן, און ווי רז"ל זיינען מדייק פון לשון "ויפגע" — "ללמדך שקפצה לו הארץ"[54]; אָבער לשון "ויפגעו בו[55] מלאכי אלקים" איז משמע אַז די באַגעגעניש איז געווען כאילו שלא במתכוון ניט נאָר מצד יעקב'ן, נאָר אויך מצד די מלאכי א"י.

ויש לומר, אַז בהתאם צו דעם חילוק הנ"ל אין דעם "ויפגע", איז אויך דער חילוק אין דעם תפקיד פון די צוויי סוגי מלאכים: די מלאכים וועגן וועלכע עס רעדט זיך בתחילת הסדרה זיינען געווען לשם שמירה, און די שבסוף הסדרה — לשם כבוד.

ו. דער ביאור בזה:

ס'איז ידוע[56] דער ביאור (בפנימיות הענינים) אין דעם וואָס "תפלת ערבית

---

48) ולכן לא באו אצלו תיכף בהלכו מבית לבן (ראה גו"א סוף פרשתנו ודלא כמ"ש ביריעות שלמה – הובא לעיל הערה 4), כי גמר הבירורים הי' לאחרי ה"גל" שהקים עם לבן, ולאחרי ד"וישכם לבן בבקר וינשק לבניו ולבנותיו ויברך אתהם" (לב, א) – ענין אתהפכא לפי שעה כו'. וראה תו"ח ס"פ ויצא.

וראה פי' הבעש"ט* (מאור עינים ר"פ ויצא) בהפ' וירדוף (לבן) אחריו (דיעקב) – למסור לו התיבות וכו' שבהפסוקים שלאח"ז שיהיו בתורה.

ולהעיר מהמפורש (ספרי ופרש"י בהעלותך י, כט ועוד. וראה פרש"י ר"פ יתרו ממכילתא שם. ועוד): יתרו שיתר פרשה בתורה.

וחידוש גדול כאן – שעשה זה לבן מחרן ובאופן דרדיפה. ואכ"מ.

49) כח, יא.

50) פרשתנו קסה, א.

---

*) ועד"ז באור המאיר פ' ויצא בשם **המגיד** – הובא ונת' באוה"ת פרשתנו (כרך ה) תתסט, א ואילך. וראה גם לקו"ש חט"ו ע' 260 ואילך.

---

51) ברכות כו, ב. סנהדרין צה, ב. ועוד. פרש"י עה"פ.

52) ל' רש"י עה"פ – מברכות שם.

53) ראה אברבנאל ריש פרשתנו. ובכ"מ.

54) ל' רש"י עה"פ – מחולין צא, ב.

55) להעיר מבחיי פרשתנו שם.

56) לקו"ת סוכות פ, סע"ג. שה"ש כד, ב. ביאורי הזהר לאדהאמ"צ (יג, סע"ד ואילך) ולהצ"צ (ע' פה ואילך). סה"מ תרס"ח ע' קע. ועוד.

רשות"[57] — ניט חובה, ווי תפלת שחרית ומנחה — אַז דאָס איז דערפאַר וואָס תפלת ערבית איז פאַרבונדן מיט אַזאַ הויכער מדריגה, וואָס קען ניט דער גרייכט ווערן דורך עבודת האדם, ס'איז אַן אתערותא דלעילא שאין אתערותא דלתתא מגעת שם, און עס ווערט נמשך ווי בדרך ממילא.

און דערפאַר לערנט מען אָפּ תפלת ערבית פון וואָרט „ויפגע"[58] (ניט ווי „אשר עמד שם"[59] וואָס שטייט ביי תפלת שחרית פון אברהם, אָדער דער לשון „לשוח בשדה"[60] וואָס שטייט ביי תפלת מנחה של יצחק[61]): וויבאַלד אַז דאָס איז אַזאַ מדריגה וואָס ווערט ניט נמשך ע"י עבודה, נאָר כאילו מאליו וממילא, קומט אויס, אַז דער יחס ההמשכה צו עבודת האדם איז כאילו ווי לא בכוונה. און דאָס איז אויך עולה בקנה אחד מיטן פירוש אַז „קפצה לו הארץ" — אַן ענין וואָס קומט ניט ע"פ סדר און דורך עבודת האדם, נאָר אַ פעולה מלמעלה, באתערותא דלעילא מצ"ע.

אין דער מדריגה פון אתעדל"ע גופא, וואָס אין אתעדל"ת מגעת שם, זיינען דאָ צוויי מדריגות[62]: די אתעדל"ע וועלכע ווערט נמשך אין אַן אופן ועי"ד פון חפץ חסד הוא, וואָס קומט מלמעלה אויף צו מעורר זיין אַן אתעדל"ת; און — די אתעדל"ע וואָס ווערט נמשך נאָך שלימות עבודת התחתונים און לאחרי ווי עס ווערן נמשך אַלע מדריגות פון אתעדל"ע וועלכע קומען און זיינען לפי ערך אתעדל"ת. דעמאָלט ווערט נתגלה די אתעדל"ע וואָס איז למעלה מעלה מערך האתעדל"ת — „גילוי פנימיות ממש מבחי' שאין האתעדל"ת מגיע שם", העכער אפילו פון דער ערשטער אתעדל"ע (וועלכע איז מבחי' חיצוניות לבד[63]).

ז. עפ"ז זיינען מוסבר היטב די צוויי ענינים וואָס מען געפינט בנוגע תפלת ערבית*[63]: אין חסידות[64] איז מבואר — לויטן זהר[65] אַז דאָס וואָס תפלת ערבית איז „רשות" (דהיינו, כנ"ל, אַ זאַך וועלכע איז העכער פון אתעדל"ת) איז ווייל די תפלה קומט נאָך דער עבודה פון תפלות חובה פון שחרית ומנחה [און ווי דאָס איז אויך ע"פ נגלה, אַז תפלת ערבית איז „כנגד אברים ופדרים"[66] (פון די קרבנות שבמשך היום[67]), „שאם[68] לא

57) ברכות ד, ב.

58) ברי"ף לע"י ברכות כו, ב ועוד (וראה בארוכה העמק שאלה על השאילתא שבהערה 74) — דלמ"ד תפלות אבות תקנום הוי תפלת ערבית חובה. אבל בחי' הצ"צ ריש ברכות (אות ד) שגם למ"ד יעקב תיקן הוי רשות, וכמפורש בזח"א קלג, א (רכט, ב) „ומאי דאתקין יעקב . . איהו רשות" (וראה בארוכה ביאוה"ז שבהערה 56). וראה גם פנ"י ברכות שם ד"ה בגמ' אתמר וד"ה ומיהו. עיון יעקב לע"י שם. ועוד.

59) וירא יט, כז.

60) ח"ש כד, סג.

61) ברכות כו, ב.

62) לקו"ת שה"ש שם כג, ד ואילך. וראה גם ביאוה"ז שבהערה 56.

63) לקו"ת שם כד, ב.

*63) ראה גם לקו"ש חל"ה ע' 125 ואילך.

64) ביאוה"ז שבהערה 56. וראה בארוכה לקו"ש חי"ח ע' 351 ואילך.

65) ח"א קלג, א.

66) שו"ע אדה"ז או"ח ר"ס פט — מברכות שם. וראה רמב"ם הל' תפלה פ"א ה"ו.

67) בגמ' ושו"ע אדה"ז שם „איברים ופדרים" סתם, ובפרש"י בגמ' שם: איברים של עולות ופדרים של שאר קרבנות. אבל ברמב"ם „איברי תמיד של בין הערבים". וי"ל, דכיון שמובא בגמ' לראי' להמ"ד „כנגד תמידין תקנום", מוכח דזהו העיקר. ואכ"מ.

68) לשון אדה"ז שם — ע"ד ל' הרי"ף בברכות שם. ובגמ' „שלא נתעכלו מבערב". וברמב"ם ליתא השלילה, שהרי לא בא לבאר למה היא רשות (כבשו"ע אדה"ז שם) שזה כתב להלן בהמשך ההלכה „ואין תפלת ערבית חובה כתפלת שחרית ומנחה".

נתעכלו מבעוד יום הם קרבים והולכים כל הלילה"]. ד.ה. אַז נאָך דער עבודת האדם אין די צוויי תפלות (שכנגד תמי־דין תקנום[69]), קומט אַלס סיום וגמר והשלמה, די המשכה פון תפלת ערבית, די אתעדל"ע וואָס קומט נאָך שלימות עבודת האדם.

איז לכאורה ניט מובן: התחלת עבודת היום איז דאָך פון דער עבודה פון פריערדיקער נאַכט, וואָס לפ"ז קומט אויס אַז תפלת ערבית איז ניט אַ המשך וגמר פון די פריערדיקע צוויי תפלות (שחרית ומנחה פון פריערדיקן טאָג), נאָר די ערשטע תפלה פון דעם מעת לעת[70]. און ווי די גמרא[71] ברענגט דעם פסוק[72] „ערב ובוקר וצהרים וגו'"[73] לגבי דעם חילוק אין זמני התפלה[74], וואָס אין פסוק הויבט זיך דאָך אָן מיט „ערב"[75].

וע"פ הנ"ל יש לבאר[76]: אין תפלת ערבית זיינען דאָ ביידע ענינים: די מד־ריגה פון תפלת ערבית בהתחלת היום איז די מדריגה פון אתעדל"ע שלפני האתעדל"ת (הנ"ל), וואָס די אתעדל"ע איז פון אַ מדריגה וואָס איז העכער פון עבודת האדם און ווערט נמשך אין אַן אופן (מצד) חפץ חסד הוא („רשות") — און זי קומט בתחלת היום אַלס אַ נתינת כח אויף דער עבודה פון דעם יום שלאח"ז; און די מדריגה אין תפלת ערבית וואָס קומט לאחרי עבודת היום, איז די אתעדל"ע וואָס קומט לאחרי גמר ושלימות עבודת היום.

ח. ויש לומר, אַז בפרטיות איז דאָס דער חילוק צווישן די צוויי פסוקים בפרשתנו — „ויפגע במקום" וואָס שטייט בתחלת הסדרה און „ויפגעו בו מלאכי אלקים" וואָס שטייט בסיום הסדרה:

בתחילת הסדרה, בעת יעקב איז מת־חיל — גייט ערשט אַרויס לעבודתו, ווערט נמשך דער ערשטער אופן פון אתעדל"ע, וואָס קומט אַלס הקדמה ונתינת כח אויף עבודת האדם, און דערפאַר איז „ויפגע (במקום)" נאָר בשייכות צו יעקב'ן — אַז ביי אים איז דאָס כאילו שלא בכוונה (כנ"ל ס"ה) — אַן אתעדל"ע וואָס קומט מאליו, ניט דורך אתעדל"ת;

לאחרי גמר העבודה בבית לבן, ועד"ז ביי כל אחד ואחד מישראל בגמר העבודה בזמן הגלות לאחרי ווי עס ווערן נמשך אַלע המשכות וואָס זיינען בערך עבודת האדם, ווערט נמשך די מדריגה פון אתעדל"ע מבחי' א"ס אין אַן אופן פון מתנה — און דאָס איז די מדריגה פון „ויפגעו בו מלאכי אלקים": דער „ויפגע" בלי כוונה איז ניט נאָר מצד יעקב'ן (מצד ולפי ערך עבודת האדם), נאָר אויך מצד למעלה כביכול,

---

69) ברכות שם.

70) ועד שבגמ' שם (כו, א) איבעי לי' טעה ולא התפלל מנחה מהו שיתפלל ערבית כו' את"ל טעה ולא התפלל ערבית מתפלל שחרית ב' משום דחד יומא הוא כו' אבל הכא תפלה במקום קרבן היא וכיון דעבר יומו בטל קרבנו.

71) שם לא, סע"א [ושם כ, ב. אבל ראה תוד"ה בתפלה שם. ובהגהות הב"ח שם שברוב הספרים לא גרסי לי'].

72) תהלים נה, יח.

73) כ"ה בגמ' לפנינו שלא הובאה תיבת „אשיחה". אבל ברי"ף, בכ"י ובכמה דפוסי הש"ס הובא גם המשך הכתוב — ראה דק"ס בברכות שם. וכ"ה ברמב"ם שם.

74) והובא גם ברמב"ם שם: כענין שנאמר ערב גו'. ובשאילתות פ' לך שאילתא ח למד עצם החיוב „לצלויי תלתא זימני ביומא" מכתוב הנ"ל.

75) ועד"ז ברמב"ם שם אחרי שמפרט כל התפלות ממשיך בה"ח: נמצאו התפלות בכ"י שלש ערבית ושחרית כו'. וראה צל"ח ופנ"י ברכות רפ"ד.

76) אבל באוה"ת פרשתנו (כרך ה תתע, א) הוא באו"א.

ווייל די אַלע המשכות פון א״ס קומען כאילו מאליו[77].

און דערפאַר קומט עס באופן אַז „מלאכים של א״י באו לקראתו ללותו לארץ״: די פריערדיקע מלאכים זיינען געווען צוליב שמירה — וואָס ווייזט אויף אַן עזר וסיוע צום אדם בעבודתו (און — אַז מ׳דאַרף האָבן שמירה); אָבער די מלאכים זיינען בלויז ללותו, אַן ענין של כבוד לבד כנ״ל. וואָרום די אתעדל״ע קומט לאחרי ווי ס׳איז דאָ אַן „אתר שלים״ (אין צורך לשמירה — ויתרה מזה), עס פעלט גאָרניט אין דעם אדם (כולל אויך — אין דער המשכה מלמעלה וואָס איז פאַרבונדן מיט זיין עבודה), און זי ווערט נמשך בבחינת מתנה.

ט. יעדער ענין אין תורה איז אַ הוראה בעבודת האדם. אַזוי איז אויך בענין זה: דאָס וואָס תורה דערציילט אידן אַז נאָך זייענדיק אין חוץ לארץ — אין גלות — איידער מען קומט אין ארץ ישראל, שיקט דער אויבערשטער מלאכי ארץ ישראל לקראתו (לחו״ל — בזמן הגלות) ללותו לארץ, איז דאָס בכדי מגלה זיין ביי אידן דעם גודל המעלה שבעבודתם, ובמילא גיט דאָס אַ תוספת כח און אַן עידוד וחיזוק אין דער עבודה.

אפילו אין דעם זמן וואָס אידן געפי־נען זיך נאָך אין גלות, זאָגט מען יעדן אידן — אַז ניט נאָר דאַרף ער ניט נתפעל ווערן פאַר גלות און פאַר גוי׳שקייט ווייל עס גייען מיט אים מלאכי חו״ל וועלכע היטן אים — און „לא[78] ינום ולא יישן שומר ישראל גו׳ ה׳ שומרך ה׳ צלך על יד ימינך״[79], ביז אַז „והיו מלכים אומניך ושרותיהם מיניקותיך״[80] נאָך בזמן הגלות[81], נאָר נאָכמער:

דער אויבערשטער שיקט מלאכי א״י ללותו, אויף מוסיף זיין אין זיין כבוד[82]. ד.ה. זיין ניט נתפעל ווערן פון גלות און גוי׳שקייט איז ניט סתם אין אַ גלות׳דיקן אופן, נאָר אין אַ הרחבה און אין אַ גאולה׳דיקן אופן, מלאכי א״י, באופן של כבוד.

און די עצם ידיעה גיט אַ הוספת עידוד וחיזוק אין דעם גמר העבודה אין סוף זמן הגלות, מען זאָל ניט רעכענען זיך כלל מיט גוי׳שקייט, נאָר גיין לבטח דרכו, אויף גומר זיין די עבודה פון די „פכים קטנים״[83] וואָס זיינען נאָך געבליבן לבררן אין דער עבודה שבזמן הגלות,

און דאָס איז ממהר דאָס אַריינגיין פון יעדער אידן און אַלע אידן אין א״י מיט די מלאכים של א״י, אין אַן אופן פון „אחישנה״[84],

במהרה בימינו ממש.

(משיחות ש״פ ויצא תשמ״ג)

---

77) וע״ד ענין ההתהוות שמצד העצמות שנאמר הוא צוה ונבראו ממילא (תו״א מג״א צו, ג. לקו״ת ראה כ, סע״ג ואילך. וראה לקו״ש חכ״ד ע׳ 42 הערה 41).

78) וקאי על זמן הגלות, כפי׳ הראב״ע בריש המזמור.

79) תהלים קכא, ד־ה.

80) ישעי׳ מט, כג.

81) וכמעשה רב — זבחים יט, רע״א.

82) ע״ד המאורע בזבחים שם — ענין דכבוד.

83) ראה פרש״י וישלח לב, כה — מחולין צא, סע״א. וראה לקו״ש חט״ו ע׳ 288. וש״נ.

84) סנהדרין צח, א.

**Likkutei Sichot**

Copyright © 2025
by
Kehot Publication Society®
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / FAX (718) 774-2718
editor@kehot.com / www.kehot.org

All rights reserved. No part of this publication may be reproduced, stored in a retrieval system, or transmitted in any form or by any means, electronic, mechanical, photocopying, recording, or otherwise, without prior permission from the copyright holder.

Kehot Publication Society® and the Kehot logo are registered trademarks of Merkos L'Inyonei Chinuch.

For dedications of the weekly Sichos, please contact us at: dedications@kehot.com